# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



גליון מוגדל במדבר - שבועות תשע"ח לפ"ק
גליון י"א

## שאלה

**אויב א מענטש האט נישט מצליח געווען געגוג אין לערנען, און ער ארבעט אין א פול-טיים זשאב צו ברענגען פרנסה, וויאזוי קען ער זיין פרייליך אפילו ער שטייגט נישט און וואקסט נישט קיין תלמוד חכם?**

## ענטפער:

איר ווייסט, איר זאגט יעצט נאך וואס דער יצר הרע זאגט.

יעדע נאכט, ווען א מענטש קומט אהיים פון דער ארבעט, ער קען אפילו כאפן א קליינעם דרימל, און אויב קען ער לערנען פינף און פערציג מינוט יעדע נאכט, קען ער ווערן א גרויסער למדן. זאל ער לערנען, לאמיר זאגן, בלויז גמרא אליינס – נאכאמאל און נאכאמאל, איין פרק – ביז ער קען דעם פרק אהין-און-צוריק. ער קען עס לערנען מיט אן איבערטייטש-גמרא אויב עס פעלט אויס. ער זאל לערנען און חזר'ן דעם פרק פון אנהייב ביז די ענדע ביז ער וועט קענען דורך-דאווענען דעם פרק. אויב דו קענסט עס זאגן ווי "אשרי", דאן ביזטו שוין אויפ'ן וועג צו סוקסעס. און דאן הייב אן ארבעטן אויף נאך א פרק. דו וועסט זיין איבערראשט – נאך א וויילע וועסטו קענען גאנצע מסכתות.

וואס טוט זיך מיט שבת? וואס איז מיט פרייטאג צונאכטס? וואס טוט זיך מיט מוצאי שבת? און אסאך מאל דארפסטו נישט ארבעטן זונטאג. עס איז דא היפש צייט צו לערנען. דו דארפסט בלויז אנהייבן עס אויסצונוצן.

עס איז בלויז א ייצר הרע. וואס וויל ער? ער וויל זיך אפרוען א גאנצן טאג. ער וויל ליידיג גיין א גאנצן טאג. דאס איז וואס ער וויל. איז יעצט, וועט ער צוריקגיין אין ישיבה, און אנשטאט לערנען וועט ער ליידיג גיין אגאנצן טאג. ניין, ניין, נאר זיך נישט. און דערפאר, אויב דו האסט יעצט א געלעגנהייט צו לערנען, נוץ אויס סיי-וועלכע געלעגנהייט דו האסט יעצט. און "כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ" (אבות ג, ה).

יעדער איינער וואס מאכט צייט צו לערנען, אפילו ווען עס איז שווער צו טרעפן די צייט צו לערנען – איינער וואס מאכט זיכער צו לערנען דורכאויס זיין פרייע צייט – ביינאכט, שבת, זונטאג, וועט זעהן: מעבירין ממנו עול דרך ארץ. דער אויבערשטער וועט עס דיר גרינגער מאכן און דו וועסט אין רעזולטאט טרעפן נאך צייט צו לערנען. נוץ אויס די געלעגנהייטן וואס דו האסט יעצט! דו וועסט זיין איבערראשט ווי גרויס דו קענסט שטייגן אין תורה, בלויז דורכ'ן לערנען אין דיין איבריגע צייט.

## שאלה

**וויאזוי קענען עלטערן העלפן אנגרייטן זייערע "צענערלינג" קינדער בייצושטיין דעם יצר הרע?**

## ענטפער:

עס ווענד זיך פון וועלכע יצר הרע דו רעדסט. דער אמת איז אז רוב עלטערן זענען קרבנות פון זייער אייגענעם יצר הרע...

סיי-וויאזוי, וואס דו קענסט טון אינדערהיים איז ארויסצוברענגען כסדר די אמת פון דער תורה, ווי מער מעגליך. צו רעדן וועגן די אמת פון די יסודות התורה. עס זענען דא אזויפיל זאכן פון וואס צו רעדן. צום ביישפיל, דער רמב"ם זאגט: די וויכטיגסטע געדאנק צו רעדן איז "השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך, יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב". דער רמב"ם זאגט אז "מעמד הר סיני" איז די וויכטיגסטע יסוד איבערצוגעבן פאר די קינדער און אייניקלעך. "גדליהו על כל גדולה" – מאך עס גרעסער ווי די

גרעסטע זאכן. רעד דערפון אייביג צו דיינע קינדער. "והודעתם לבניך ולבני בניך" – געב עס צו וויסן צו דיינע קינדער און אייניקלעך. רעד וועגן מתן תורה. עס איז גאר וויכטיג. דער יסוד היסודות איז מתן תורה. איז מאך זיכער צו רעדן וועגן דעם מיט דיינע קינדער און אייביג עס ארויסצוברענגען.

אין דיין הויז רעדסטו וועגן אלעס. יעדע משוגעת, יעדע נארישקייט. אויב דו ציעסט אויף דיינע קינדער מיט שטותים, יעצט קומסטו פרעגן וויאזוי זיי אנצוגרייטן זיך צו שלאגן מיט דעם יצר הרע? מאך דיין הויז א פלאץ וואו אלע יסודות פון די תורה ווערן אויסגעשמועסט, און אזוי וועלן דיינע קינדער זיין אנגעפאנצערט, זיי וועלן זיין גרייט.

דאס איז אייגנטליך איינס פון די זאכן וואס איך האב געוואלט רעדן דא היינט נאכט, אבער איך האב נישט געהאט קיין צייט צו רעדן וועגן דעם. עס איז דא אזויפיל זאכן וואס דו זאלסט רעדן וועגן דעם אין דיין שטוב, אבער דאס איז דער יסוד היסודות. דאס איז דער גרויסער פונדאמענט אויף וואס אלעס שטייט. און דאס איז די גרעסטע וואפן קעגן דעם יצר הרע. אויב דו גלייבסט, און פארשטייסט, וואס עס האט זיך אפגעשפילט ביי דעם גרויסן מעמד, ווען די עם ישראל האט געהערט דעם קול פון השי"ת רעדן, דאס איז דער ענטפער צו אלע פראגעס.

## שאלה

## איז נישט גענוג גוט צו זיין סתם א גוטער מענטש? פארוואס דארפן מיר איינהאלטן די תורה?

**ענטפער:**

פארוואס מוזטו איינהאלטן די טרעפיק געזעצן? איז נישט גענוג גוט צו זיין סתם א גוטער מענטש? וויפיל "גוטע" מענטשן פארן דורך רויט-לייטס? וויפיל "גוטע" מענטשן האבן שוין געהארגעט אומשולדיגע מענטשן דורכ'ן דרייווען שיכור'ערהייט? גוטע רצונות איז נישט גענוג צו מאכן א מענטש גוט. א מענטש מוז זיין צוגעבינדן צו געזעצן און אנווייזונגען.

ס'איז נישטא אזא זאך ווי א גוטער מענטש אן תורה. א גוטער מענטש קען זיין א רחמנות-רוצח. ער קען הארגענען זיין אלטע מאמע ווייל ער קען נישט צוקוקן ווי זי ליידט יסורים. א גוטער מענטש קען זיין א זעלבסט-זיכטיגער מענטש, וואס מיינט אז ער טוט גוטס, ווען באמת מיינט ער נאר זיך, ווייל ער איז בלינד צו זיינע אייגענע תאוות.

מיר דארפן וויסן אז קיינער קען נישט לעבן מיט סטאנדארטן וואס ער אליינס מאכט. איר קוקט 50 יאר צוריק אויף די רעפארמער, די רעפארם-אידן האבן געהאט געוויסע סטאנדארטן וואס זיי האבן דאן געהאלטן אלס גוט, מאראליש, און היינט האט זיך עס גענצליך געטוישט. סיי-וואס מענטשן האלטן אלס א גוטע סטאנדארט אין איין דור, קען זיך גענצליך טוישן אין אן אנדערן דור. בלויז די וועלכע לעבן לויט די העכערע אנווייזונגען פון די תורה, בלייבן גוט אויף אייביג.

## שאלה

## איז גוט צו טרונקען קאווע אגאנצן צייט?

**ענטפער:**

דו האסט אנגערירט דא זייער א וויכטיגע נושא, און דאס איז די פארקנעכטשאפט צו א געוואוינהייט. אסאך מענטשן האבן געוואוינהייטן. איז לאמיר זאגן דו האסט א געוואוינהייט צו רייכערן, דאן דארפסטו וויסן אז דו האסט פארלוירן דיין בחירה חפשיות – דיין פרייע אויסוואל. איך בין אמאל געווען אין בארא פארק און אריבער די גאס האב איך געזעהן א מענטש וועם איך קען, וועלכער איז געשעטענען מיט א ירושלימ'ער איד. בין איך אריבערגעגאנגען דעם גאס און דער ירושלימ'ער איד זאגט מיר אז ער איז זייער קראנק. ער איז געקומען קיין אמעריקע פאר באהאנדלונגען, ווייל זיינע לונגען זענען אינפעקטירט. בשעת ער זאגט מיר דאס, רייכערט ער א ציגערעטל. האב איך אים געזאגט "פארוואס הערסטו נישט אויף צו רייכערן?" זאגט ער מיר אין אידיש "זאג מיר עס נישט. ניין. זאג מיר נישט דאס." ער איז א קנעכט. ער איז אן עבד כנעני. ער האט זיך פארקויפט צו זיין געוואוינהייט. ער איז מער נישט קיין פרייער מענטש. ער איז א שקלאף.

אסאך מענטשן זענען פארשקלאפט צו טרונקען אלקאהאל. איך קען א מענטש וואס טרונקט און ווערט שיכור. א שיכור! אסאך מענטשן זענען אזוי. זיי טרונקען צו פיל. זיי זענען קנעכט צו א גוטן פלאש שנאפס. זיי זענען קנעכט פאר גארנישט. און אזוי אויך צו עסן. מענטשן קענען זיין פארקנעכט צום עסן. זיי עסן זיך איבער. זיך איבערעסן איז נישט גוט פאר די געזונט. און ס'איז א "שיעבוד". יעדע סארט פון שיעבוד – פון זיין פארקויפט, פארקנעכט – צו נישט-ריכטיגע געוואוינהייטן, מיינט אז דער מענטש גיבט אויף זיין פרייהייט. די פרייהייט פון מאכן עפעס פון זיך.

איך האב קיינמאל נישט געטרונקען קיין קאווע. ווילאנג איך קען געדענקען האב איך קיינמאל נישט געטרונקען קאווע. פארוואס זאל איך טרונקען קאווע? עס פעלט נישט אויס. צו ווערן משעבוד, פארקנעכט צו א געוואוינהייט? אסאך מענטשן זענען עדיקטעט צו קאווע. זיי מוזן האבן אגאנצן צייט קאווע. זיי זענען קנעכט. און יעדע געוואוינהייט וואס פארקנעכט דיך, מיינט אז דו קענסט נישט דינען השי"ת בשלימות.

## שאלה

### קען דער רב רעדן מער באריכות וועגן אנדערע געוואוינהייט וואס פאלן אריין אין דעם קאטאגאריע?

## ענטפער:

קוק, עס זענען דא ערגערע געוואוינהייט ווי טרונקען קאווע. ווי למשל ליינען. יא, ליינען! יעצט, ליינען איז איינס פון די בעסטע זאכן צו טון אויב מען טוט עס ריכטיג. אבער ווען מענטשן האבן א געוואוינהייט צו ליינען, ליינען זיי אלעס. זיי הייבן אויף און ליינען מאגאזינען. זיי ליינען צייטונגען. די געוואוינהייט פון ליינען איז זייער פארשפרייט. די מערהייט פון די אמעריקאנער המון עם איז פארקנעכט צום ליינען. און דערפאר זענען זיי קנעכט. זייער מחשבה איז פארקויפט פאר א צווייטן.

יעצט, אויב א מענטש גייט אריין אין די געוואוינהייט צו ליינען גוטע זאכן. נישט נאר גמרא. גמרא איז וואונדערליך! אבער ער לערנט אויך אגדתא. ער ליינט מסילת ישרים. ער ליינט חובות הלבבות און שערי תשובה און דאס ווערט זיין מהלך המחשבה. ער טראכט בלויז לויט זייערע וועגן. דאס איז געוואלדיג. דאס איז זייער א גוטע געוואוינהייט צו ליינען. איז דער מענטש שמאל-קעפיג? זיכער! די ברייט-קעפיגע מענטשן האבן אלע סארט שלעכטע זאכן אין זייער קאפ. די שמאל-קעפיגע מענטשן זענען די וועלכע גייען אויף א גלייכע וועג און זיי זענען א סוקסעס אין לעבן.

וועגן דעם איז אזא וויכטיגע לימוד צו וויסן אז "אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה". די איינציגסטע וועלכע זענען פרייע מענטשן, זענען די וועלכע לעבן א תורה'דיגע לעבן – די וועלכע האבן א תורה'דיגע מחשבה. דאס איז זייער א וויכטיגע לימוד, ווייל דאס איז אמת'דיגע פרייהייט. עס איז נישט דא קיין פרייהייט אויסצואוועלן וואס דו ווילסט. אין אמעריקע מיינט מען אז פרייהייט איז אן אידעאל. פרייהייט אן קיין שום ציל. סתם צו זיין פריי! א משוגעת! "געב מיר פרייהייט אדער טויט". א משוגעת. פארוואס דארפסטו עס?

א מענטש זאגט מיר, "וואס? איך זאל אויפגעבן מיין אייגענעם שכל צום מסילת ישרים? ער זאל טראכטן פאר מיר?" הונדערט פראצענט! זיכער! ער וועט טראכטן סך בעסער ווי דו טראכסט. אויב דו טראכסט מיט די געדאנקען פון פרייהייט – פרייהייט צו טון וואס עס גלוסט זיך – דאן ווער ווייסט וואס עס וועט פאסירן צו דיר?!

איז לאמיר אויפהערן צו ליינען צייטונגען. מיר זאלן נישט האבן קיין שייכות מיט די צייטונגען. לאמיר אויפהערן זיך אויסצומישן מיט די שלעכטע סביבה. איר באלאנגט בלויז אין פרומע שכינות. מופט אוועק פון די ווייטע פלעצער אין ניו דזשערסי און קענעטיקוט. מופט צוריק צו פרומע אידישע געגנטער. "אה, אבער ס'איז נישט די פרייהייט" וועסטו זאגן. דאס איז נישט די פרייהייט וואס דו זאלסט זוכן. דו ביזט א קנעכט צו יעדע ווערדלאזע זאך. און צו יעדע ווערטלאזע שיטה. ציה דיך אריין אין די פרומסטע געגנט וואס דו קענסט נאר. און דו וועסט נישט האבן די סארט פרייהייט מער. די סארט פרייהייט פון פארפאטשקען דיין לעבן. ווייל אין א פרומע געגנט וועסטו זיך שעמען וואס די שכנים וועלן זאגן. מראית העין און חשד זענען וואונדערליכע תקנות. וועגן דעם ציה דיך צו א פלאץ וואו דו וועסט זיין "געצווינגען" צו זיין א גוטער איד. א פלאץ וואו דו וועסטו נישט ווערן פארקנעכט צו אלע ווערדלאזע שיטות פון די אמעריקאנער געזעלשאפט. דו קענסט נישט זיין קיין עבד השם אויב דו ביזט אן עבד צו עפעס אנדערש. און דו ביזט אין דער וועלט בלויז זיך אויסצוארבעטן און ווערן אן "איש השלם". צו ווערן א מענטשן וואס טראכט אלץ תורה'דיגע מחשבות און תורה'דיגע שיטות.

## שאלה

### איז כדאי אויפצוגעבן אביסל צייט פון לערנען, צו גיין ארבעטן פאר איבריגע געלט צו קענען פארן אויף א באזוך קיין ארץ ישראל?

## ענטפער:

און דער ענטפער איז א קאטאגארישע ניין. זיכער נישט. די גאנצע ציל פון ארץ ישראל איז בלויז געגעבן געווארן צו העלפן זיך אויסארבעטן. אויפצוגעבן אויף לערנען צו גיין צום כותל המערבי? אויב דו ווילסט גיין צום כותל המערבי, דאן זאלסטו וויסן אז "תלמוד בבלי" איז דיין כותל המערבי. מאך די ספרים שאנק מיט'ן ש"ס בבלי דערין, דיין כותל המערבי. דאס איז דיין הצלחה.

צו גיין קיין ארץ ישראל און צו שטיין ביי א וואנט, וואס מיינט גארנישט פאר דיר?! עס איז בלויז א זכר אויף די ימי קדם. עס איז א געדענקעניש צו אונזער גרויסע פארגאנגענהייט. ס'איז עפעס, אבער א שטרויכלונג. די סוקסעס אין לעבן איז צו טראנספארמירן די אינהאלט פונעם ש"ס אין דיין מח. איז וועגן דעם שטיי ענדערש פארנט פון דיין ש"ס אויפ'ן שאפע אין דיין ליווינג-רום און מאך דאס דיין כותל המערבי. שטיי דארט און לייג אריין קוויטלעך צווישן די גמרות און בעט צום אויבערשטן. די ש"ס איז אונזער אלעס! עס איז נישט דא גארנישט אין דער וועלט מער הייליג, מער ספעציעל צו הקב"ה ווי די ד' אמות של הלכה. זינט דעם חורבן בית המקדש האט ער גארנישט אין דער וועלט וואס איז מער וויכטיג ווי די ש"ס און אונזערע תורה-ספרים. איז וואס קלערסטו? אויפצוגעבן לערנען תורה פאר א שוואכע ערזאץ? און דערפאר, געב נישט אויף לערנען פאר גארנישט אין דער וועלט.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com